# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי׳ לייב בן עליזא**

בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת אחרי

# דער גרעסטער נסיון


**פרנס השבוע**

**יא! אייער הילף יעצט איז קריטיש וויכטיג!**

די זכות פון טויזענטער וואס ווערן נתקרב צום אויבעשטער, קען זיין אייערע אויף אייביג.

**רופט שוין** 347-451-0332

צו זיין א פרנס השבוע **פאר בלויז $600**

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת אחרי

שנה ג׳

# דער גרעסטער נסיון

## תוכן:

חלק א׳: עשו אין אונזער היסטאריע - חלק ב׳: עשו היינט צוטאג - חלק ג׳: עשו ווערט צעשמעטערט

## חלק א׳: עשו אין אונזער היסטאריע

### גאר אן אומגעווענליכע כפרה

אין פרשת אחרי געפינען מיר דער ספעציעלער ענין פון **שעיר לעזאזל** - דער אייגנארטיגער ציגעלע פון יום כיפור. סיי ווער עס לערנט מסכת יומא, ווייסט אז דער שעיר איז גאר א וויכטיגער חלק פון די עבודה אין יום כיפור. אפילו מ׳לערנט נאר די פסוקים אין חומש, אדער מ׳זאגט עס אין מחזור, זעט מען שוין די ערנסטקייט פונעם ענין פון דעם **שעיר לעזאזל**. אבער דער אמת איז, אז טראץ די גרויסע וויכטיגקייט דערפון, ווייסן מיר גאר ווייניג איבער וואספארא ראלע עס שפילט.

דער שעיר איז גאר אן אומגעווענליכע כפרה. עס איז טאקע קדשים, אבער די עבודה דערפון איז אנדערש ווי אלע אנדערע קדשים. ס׳איז א ציגעלע, וואס איז א געווענליכע בהמה וואס מ׳ברענגט פאר א קרבן, אבער אויסערדעם איז עס גארנישט אזוי געווענליך. דער עיקר עבודה פונעם שעיר קומט אפילו נישט פאר אין בית המקדש. אנשטאט דעם, נעמט מען עס ווייט אוועק פון ירושלים, צו די פארווארפענע בערג פון די הרי יהודה. און וואס מ׳טוט דארט דערמיט, זעט בכלל נישט אויס ווי וואס מ׳טוט מיט א קרבן; וואס מ׳טוט מיט׳ן שעיר איינמאל עס קומט דארט אן, איז גראדע גאר מאדנע. אלע אנדערע קרבנות וואס מ׳ברענגט, שחט מען עס ביים האלז - **שחיטה**, דערנאך שפריצט מען די בלוט אויפ׳ן מזבח וואס דאס איז **זריקת הדם**. און מערנסטנסטייל פארברענט מען די חלב, און אמאל אנדערע חלקים פון די בהמה, אויפ׳ן מזבח.

אבער ביים שעיר לעזאזל, שחט מען עס נישט, און מ׳שפריצט נישט קיין בלוט. און קיין שום טייל פון די ציגעלע גייט נישט אויפ׳ן מזבח פאר׳ן אויבערשטן. דאס גאנצע וואס מ׳טוט איז, מ׳פירט צו דעם שעיר צו א הויכן בארג, מ׳געבט עס א שטופ אריבער דעם שטיין, און עס טראסקעט אראפ אויף די שפיציגע זייט פונעם בארג. נאך איידער עס קומט אן אונטן, איז עס שוין צעשמעטערט אויף שטיקער. **הוּא מִתְגַּלְגֵּל וְיוֹרֵד, וְלֹא הָיָה מַגִּיעַ לַחֲצִי הָהָר, עַד שֶׁנַּעֲשָׂה אֵבָרִים אֵבָרִים**. דאס איז די עבודה פונעם שעיר לעזאזל. ס׳איז גאר אן אינטערעסאנטע עבודה!

## די מאכטפולע ציגעלע

פון איין זייט, זעט עס נישט אויס צו זיין א קרבן בכלל, עס האט נישט קיין שום ענליכקייט צו א קרבן, און מיט דעם אלעם, טוט עס אויף וואס קיין שום קרבן קען נישט אויפטוען. עס האט אזא כח, אז עס קען מכפר זיין אפילו אויף עבירות וואס מ'האט געטוען במזיד. ווי איר ווייסט דאך, קענען געוועגליכע קרבנות נאר מכפר זיין אויף עבירות וואס מ'האט געטוען בשוגג. דאס איז א כלל, אז א קרבן איז נישט מכפר אויף א מזיד. אבער דער שעיר לעזאזל איז א יוצא מן הכלל. און נאכמער, דער שעיר לעזאזל איז מכפר אפילו מ'טוט נישט קיין תשובה. ס'איז הפלא ופלא! קיין שום קרבן איז נישט מכפר נאר אויב מ'טוט תשובה.

איר הערט א מורא'דיגע זאך! איינער טוט אן עבירה במזיד. למשל, ער שערט זיך די בארד מיט א גאל-מעסער, און ער טוט נישט קיין תשובה, ער איז אפילו נישט מהרהר בתשובה. און יעצט, נאר וויל מ'האט אראפגעטראסקעט א ציגעלע, ווערט דער זינדיגער גערייניגט פון זיין עבירה. דער **רמב"ם** ברענגט דאס אין הלכות תשובה. ס'איז מערקווירדיג! ס'איז דער איינציגסטער יוצא מן הכלל, וואו מ'טרעפט אזא זאך אין די תורה. יעצט, מיר דארפן וויסן, אז עס איז נישט ממש מכפר אויף אלעס. ס'איז נישט מכפר אויף חייבי כריתות. ס'איז אבער יא מכפר אויף אלע עשין און לאוין; וואס דאס זענען אסאך עבירות! נו, אזא זאך, א קרבן וואס איז אזוי אנדערש פון אלע אנדערע קרבנות, דארף א גוטער הסבר.

## וואס ליגט דערין?

ס'איז קלאר, אז מיר קענען נישט גענוי פארשטיין פארוואס דער אויבערשטער האט אזוי געהייסן טוען. אבער ווען מיר לערנען וועגן דעם שעיר לעזאזל, דארפן מיר געדענקען די ווערטער פונעם **רמב"ם** (מורה נבוכים ג, מו). "די זאכן וואס מ'טוט זענען סימבאליש, און קומען צו לערנען געוויסע ענינים, און מאכן מענטשן תשובה טוען", און מיר פארשטייען אז טייל ענינים זענען גאר פשוט, אבער מיר דארפן דאס אויך גוט אדורכטוען און פארשטיין. וויבאלד, כאטש דער שעיר ברענגט טאקע א כפרה אן קיין שום תשובה, זאגט אונז דער רמב"ם, אז די פראצעדור אליין - מיינענדיג לערנען דערוועגן און עס פארשטיין - דארף פאר אונז באשאפן א נייער מח, א נייער צוגאנג און שאיפה, וואס זאל ערוועקן דעם מענטש זיך צוריקצוקערן צום באשעפער.

די ערשטע זאך וואס מיר פרעגן איז: וואס איז אזוי ספעציעל מיט דעם ציגעלע, אז עס ברענגט אזא כפרה? צו פארענטפערן די שאלה, לאמיר אויפמישן א מדרש (ב"ר סה, טו), וואס זאגט אזוי: **השעיר זה עשו** - "ווער איז דער שעיר, דאס ציגעלע, וואס ווערט ארויפגעפירט אויפ'ן בארג? דאס איז עשו!" פארשטייט אז דאס מיינט נישט אינ'ם פשוט'ן זין. איז דען עשו א ציגעלע? וואס מיינט עס יא? נו,לאמיר צוריק טראכטן, צו ווען מיר זענען נאך געווען אין חדר, ווען מיר האבן געלערנט חומש. לאמיר זיך דערמאנען, אז מיר האבן געהאט א פעטער עשו, וואס איז געווען געגליכן צו א שעיר. איר געדענקט וואס שטייט ווען עשו איז געבוירן געווארן? **וַיֵּצֵא הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי כֻּלּוֹ כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר** (בראשית כה, כה), "און דער ערשטער איז ארויסגעקומען רויט אינגאנצן איבערגעדעקט ווי מיט א האריג מאנטל". ער איז געווען אויסערגעוועגליך האריג, און ער איז געווען גוט באקאנט פאר דעם. **הֵן עֵשָׂו אָחִי אִישׁ שָׂעִר** (שם כז, יא), - "מיין ברודער עשו איז א האריגער מענטש" - זאגט יעקב". **שָׂעִיר** מיינט א ציגעלע, וויבאלד א ציגעלע איז שטארק האריג. דערצו הייסט דאס לאנד וואו עשו

האט געוואוינט **שֵׂעִיר** - ווייל דארט האט געוואוינט דער האריגער מענטש.

## מער ווי עשו גייט אריבער דעם בארג

דעריבער, ווען מיר פירן דעם שעיר לעזאזל ארויס צום מדבר, פארשטייען מיר, אז דאס איז עשו וואס מיר פירן ארויס. און ווען מ'קומט אן צום צוק - דעם שפיץ וואו די כפרה גייט פארקומען, איז עס עשו וואס מ'שטופט אראפ פונעם הויכן בארג. דאס איז עס! דאס איז די גאנצע מעשה. מירווארפן אראפ עשו פונעם בארג, און מיר האבן א כפרה! ס'איז א וואונדערליכער ענין, אז אראפווארפן עשו פון א בארג, קען ברענגען אזא שטארקע כפרה פאר כלל ישראל!

כדי דאס בעסער צו פארשטיין, דארף מען וויסן, אז דער שעיר לעזאזל, דאס ציגעלע פון עשו, גייט נישט סתם אזוי ארויס אין מדבר אליין. ניין! **וְנָשָׂא הַשָּׂעִיר** - און דאס ציגעלע טראגט עפעס ארויס צום מדבר. ווען מיר שטופן אראפ דאס ציגעלע, נעמט ער מיט א שווערע לאסט. און וואס ליגט אין יענע שווערע לאסט, וואס טראסקעט אראפ פונעם בארג צוזאמען מיט עשו? **וְנָשָׂא הַשָּׂעִיר עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹתָם** - און דער מדרש זאגט, אז דאס ווארט **עונותם** מיינט **עֲוֹנוֹת תָּם**. דאס הייסט אז עשו טראגט אויף זיין רוקן די עבירות פונעם **איש תם** וואס דאס איז יעקב. מיר לאָדענען אן אלע אונזערע עבירות אויף עשו'ס רוקן, אפילו עבירות במזיד, און מיר פירן זיי אוועק צו א הויכער שטיינערנער בארג.

נו, ווי אזוי ערלעדיגט מען אזא אויסערגעווענליכע כפרה? דורכ'ן באשולדיגן עשו! מיר לייגן די גאנצע שולד פאר אונזערע עבירות אויף עשו, און מ'שטופט דאס ציגעלע מיט אלע אונזערע עבירות אראפ פון בארג. עשו מיט אלע אונזערע עבירות, טראסקענען אראפ פונעם שטיינערנעם בארג, ווערנדיג צעפיצלט אויף שטיקער, און מיר ווערן גערייניגט און פטור פון אלע עבירות.

## איז דאס ריכטיג?

אצינד שטעלט זיך אבער א פראגע. ווי אזוי קען דאס זיין ריכטיג? פארוואס זאל עשו ווערן באשולדיגט? פארוואס דארף ער ליידן פאר די עבירות פון יעקב? און דאס איז א גרויסע קשיא. עכ"פ איך מיין אז עס איז א גרויסע קשיא. פארוואס איז עס עשו'ס שולד אז כלל ישראל האט געזינדיגט במשך דאס יאר? מיר ווארפן עשו אראפ פונעם בארג, און אלע עבירות גייען אראפ מיט אים? וואו איז דא דער יושר?

דער תירוץ איז, אז עס איז גאר יושר'דיג. וויבאלד אויב דו ווילסט וויסן די סיבה פאר כמעט אלע עבירות פון יעקב, איז עס נאר ווייל עס איז דא אן עשו אויף די וועלט. יעצט, איך מיין נישט נאר אונזער פעטער עשו, ער איז בלויז א משל פאר אלע גוים פון די וועלט. עס זענען די גוים וואס טראגן דאס אחריות, פאר אלע אידן וואס זענען פארפירט געווארן פון זייערע פאלשע זאכן. די שוואכקייטן און פעלערן פון כלל ישראל, קומען כמעט אלעמאל צוריק צו די אומות העולם.

## די קרבנות פון עשו

איר ווייסט, אז מיט 70 יאר צוריק (אין יאר תרס"ה), אין די קליינע שטעטלעך, און אפילו אין די גרעסערע שטעט, האט כמעט יעדער איד אנגעטוען תפילין. כמעט יעדער האט געהאלטן שבת. כמעט יעדער האט געגעסן כשר'ס און געלערנט יעדן טאג.

אין די שטאט קראקא מיט 350 יאר צוריק, אויב וואלט איר געוואלט גיין אין בלויזן קאפ, וואלט

איר געדארפט זיין א העלד, א ריכטיגער גבור! אזוי פלעגט אמאל זיין. אין יענע צייטן, האט מען נישט געדארפט צו א גרויסע בחירה נישט נאכצוגיין די גוי'אישע וועגן. לאמיר זאגן דער יצר הרע וועט צוקומען צו דיר אין קראקא, און ער וועט דיר זאגן, "טוה אויס דיין קאפל!" וועסטו דיך נישט לאזן, ווייל ארומצוגיין אין בלויזן קאפ אין קראקא, האט געמיינט אז דו האסט געקענט באקומען א צעבראכענעם קאפ! א איד האט זיך געמוזט אויפפירן ווי איד. עס איז נישט געווען קיין שום אנדערער וועג.

## אין קראקא

די גאנצע אטמאספערע פון די אידישע קהלה איז געווען אנדערש ווען מ'האט געהאלטן די השפעה פון עשו וויט אוועק. קראקא איז געווען א שטאט, וואו די קינדער אין די גאס האבן גערעדט דברי תורה. דאס איז נישט וואס איך זאג, די גרעסטע שונאי התורה האבן אזוי געזאגט. אזא פאקט, עפעס וואס מ'האט אליין געקענט פעסטשטעלן, האבן אפילו די שונאי הדת נישט געקענט לייקענען. אפילו די פרויען האבן גערעדט גמרא שפראך! ווייל דאס איז געווען די שפראך פון די מענטשן. יעדעס דריטעווארט אין אידיש איז געווען א גמרא ווארט! און דאס איז ווייל, ווען מ'איז נישט געווען פארנומען מיט גוי'אישע אידעאלאגיעס, ווען מ'האט געלעבט אין א ריינע סביבה, האבן זיי געקענט בלייבן א פאלק פונעם **איש תם**.

נו, פארוואס האבן זיי איבערגעלאזט זייער סביבה אין אייראפע? פארוואס האבן זיי געדארפט קומען קיין אמעריקע? דאס איז געווען צוליב די פארפאלגונגען פון עשו. עשו האט צעשטערט די אידישע קהלות; קהלות וואס האבן עקזיסטירט פאר הונדערטער יארן; קהלות מיט אור-אלטע מסורות. ווער האט צעשטערט די סלאבאדקע ישיבה? די רוסן! די ישיבה האט נארוואס געענדיגט בויען א הערליכער בנין; ס'איז געווען גאר אן ארימע ישיבה, און עס האט זיי גענומען 15 יאר צוזאמצושטעלן דאס געלט צו קענען בויען די געביידע. איך בין דארט געווען ביי די חנוכת הבית; ס'איז געווען א געוואלדיגע שמחה! דאן, קורץ נאכדעם וואס איך בין אוועקגעגאנגען פון דארט, זענען די רוסן אריינגעקומען. די קאמוניסטן האבן דאן אוועקגענומען די ישיבה געביידע, און געמאכט דערפון עפעס אן ארבייטס פלאץ. ווער האט חרוב געמאכט די ישיבות? ווער האט צעגרונד געלייגט אידישקייט אין רוסלאנד? די גוים! ווער האט קאליע געמאכט עפעס וואס מיר האבן אויפגעבויט מיט אזוי פיל מסירת נפש? דאס פלאץ וואו אלע אונזערע מסורות זענען געווארן איינגעהאלטן? עשו!

## אמעריקאנער אידן איינגעשלונגען לעבעדיגערהייט

דאן, ווען די אידן זענען אנגעקומען קיין אמעריקע, איז נישט געווען קיין שום קהלות, קיין שום ארגאניזאציעס. און ס'איז דאך דא א געזעץ אין אמעריקע, אז מ'מוז שיקן די קינדער אין שולע, און צו קענען גרינדען ישיבות, דארף מען דאך האבן אסאך געלט. זיי האבן נישט געהאט קיין שום ערפארונג דערויף. קיינער פריער האט עס נישט געטוען. דעריבער זענען נעבעך אידישע קינדער געגאנגען אין פאבליק סקול, און אזוי האט אידישקייט אנגעהויבן אונטערצוגיין.

בלויז אין אמעריקע זענען פארשוואונדן געווארן הונדערטער טויזנטער אידישע משפחות. זיי האבן זיך אהינגעצויגן, באזעצט צווישן די גוים, און פארלוירן געגאנגען. אסאך האבן ליידער חתונה געהאט מיט גוים - א שרעקליכע טראגעדיע. ביז די גדולים זענען אנגעקומען פון אייראפע

און געגרינדעט פרומע אידישע קהלות, זענען די אמעריקאנער אידן געווארן אויפגעגעסן; איינגעשלונגען דורך די וועגן פון עשו.

אויב קוקט איר היינט אויף די גאס, און איר זעט דער אמעריקאנער אידישער יוגנט - היינט איז עס שוין נישט נאר די יוגנט, נאר אפילו עלטערע אויך - אסאך ווערן קאליע. קוקט אין בענסאנהורסט, קוקט אין די בראנקס, קוקט אין די דרויסנדיגע שטעטלעך, אזוי פיל אידן זענען פארלוירן. ס'איז דא גאנצע גאסן, וואו עס איז נישטא אפילו איין שומר שבת. קוקט וואס עס איז געשען אין אמעריקע. אזוי פיל פראטעסטאנטן און קאטאליקן גייען אין טומאה זונטאג, אבער שבת קודש, גייען פיל וויניגער אידן אין שול.

פארוואס איז דאס אזוי? איז דאס וויבאלד אידן זענען נישט אזא געטריי פאלק? ניין! ס'איז נישטא אזא פאלק וואס איז אזוי געטריי ווי מיר זענען. אידן וואלטן נישט מחלל שבת געווען. אידן וואלטן נישט אוועקגעווארפן זייערע תפילין. מיר זענען נישט קיין שלעכטע מענטשן! נו ווער דען איז שולדיג פאר די גרויסע ירידה? ווער איז שולדיג, אז די אידישע גאס האט איבערגעלאזט די אידישע תורה? די שולד פאלט אויפ'ן רוקן פון עשו! די גוים זענען שלעכטע רשעים, און ס'איז נאר צוליב די פעולות פון עשו, וועלכער האט אונז קיינמאל נישט אפגעלאזט, וואס אזוי פיל אידן זענען נעבעך קאליע געווארן. עשו האט צעבראכן די אידישע קהלות. זיי האבן פשוט צעשמעטערט אונזערע לעבנס. זיי האבן אונז פארטריבן פון אונזערע היימען, און מיר זענען פארוואגלט געווארן פון שטאט צו שטאט, און פון לאנד צו לאנד. אין אונזערע נייע היימען האבן מיר געדארפט אלעס אנהייבן פון פריש. ס'איז געווען עשו וואס האט צעשטערט דאס אידיש לעבן אין קראקא און אין סלאבאדקע, און אונז געצוואונגען אלעס אויפצובויען פון פריש.

## שפאנישע ציגן

דער אמת איז, וואס האבן אידן בכלל געזוכט אין קראקא אדער אין סלאבאדקע? זיי זענען דאך געווען אין שפאניע, וואו זיי זענען געווען אור-אלטע פרעסטיזשפולע קהלות. אבער עשו האט זיי ארויסגעטריבן. קעניג פערדינאנד ימח שמו וזכרו, מיט זיין פארשאלטענע פרוי איזאבעלא ימח שמה וזכרה, האבן זיי ארויסגעווארפן. די פארפאלגונגען אין שפאניע, האבן צעשמעטערט דאס אידישע קהלה לעבן.

גייענדיג צוריק נאך ווייטער. פארוואס זענען זיי געווען אין שפאניע? זיי האבן געדארפט זיין אין בבל, וואו זיי זענען געווען פאר טויזנט יאר? א קהלה פון טויזנט יאר, איז דאך גאר אן אוועקגעשטעלטע קהלה מיט ערליכע אידן. נו, פארוואס זענען זיי נישט דארט געבליבן? שוין ווידער עשו! און נאך פריער, וואס האבן זיי געזוכט אין בבל? זיי האבן אלע געדארפט זיין אין ארץ ישראל, מיט'ן בית המקדש, ארגאניזירט אונטער די חכמי התורה, וואס האבן אלעס געפירט. יעדער קליינער דעטאל פונעם אידישן לעבן איז געווען אונטער די אויפזיכט פון די סנהדרין. מ'האט נישט געקענט טוען וואס מ'האט געוואלט. די סנהדרין האבן אלעס געפירט!

## רוימישע ציגן

און ווער האט אונטערגעברענגט די סנהדרין? איר ווייסט ווער? גאביניוס, דער רוימישער גובערנאטור פון סיריע. ער האט זיי אונטערגעברענגט. און ווער האט אים געהייסן וואס צו טוען? אנטיפטרוס, דער טאטע פון הורדוס, וועלכער האט נישט געוואלט האבן די סנהדרין אין וועג. פון

וואנעט קומט אנטיפטרוס? ער איז געווען אן אדומי, וועלכער האט געשטאמט פון עשו. און רוים איז דאך אויך עשו. זענען די צוויי עשו אפשטאמיגע זיך צוזאמגעקומען און זיי האבן אונטערגעברענגט די סנהדרין.

נו, ווער האט צעשטערט כלל ישראל'ס סיסטעם פון עבודת השם? ווער האט צעשטערט אונזערע קהלות פון קדושה? ווער האט אונז צעבראכן און ארויסגעטריבן צווישן די שמוציגע גוים מיט זייערע עקלהאפטיגע אידעאלן, מיט זייערע פארשמירטע מוחות וואס האבן אונז פארשמירט? עשו! וואס דעריבער איז עס עשו, וואס דארף טראגן אלע אונזערע עבירות אויף זיינע פלייצעס, ווייל ער איז שולדיג אין אלעם. אודאי איז נאך דא א בחירה, ס'איז נישט קיין פראגע. מיר האבן טאקע די ברירה נישט צו פאלגן. אבער לאמיר זאגן איינער ווערט קומען און צעשטערן אייערע גוטע שאיפות, איז ער א פשוט'ער רודף, וועלכער רייצט אייך אן, און לייגט א געוואלדיגער דרוק ביז איר ברעכט אונטער. איז ער אומשולדיג? איר זענט אפשר שולדיג פאר נישט זיך צוריקשלאגן, אבער אויב ער האט אייך אנגערייצט, איז ער דער שולדיגער! ער דארף אריבערגיין דעם שפיץ און אראפטראסקענען פונעם שטיינערנעם בארג!

# חלק ב': עשו היינט צוטאג

## רצוננו לעשות רצונך

אזוי זאגט די גמרא אין מסכת ברכות (יז.), אז כנסת ישראל - די אידן זאגן פאר'ן הייליגן באשעפער, **רִבּוֹן הָעוֹלָמִים ... רְצוֹנֵנוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ** - "האר פון די וועלט, מיר ווילן טוען דיין ווילן!" אין זייער נאטור, וויל כלל ישראל, דאס הייליג פאלק, טוען דעם רצון פונעם אויבערשטן. **וּמִי מְעַכֵּב?** - "ווער האלט אונז צוריק?" עפעס האלט אונז צוריק. כאפט א בליק אויף די גאס, וועט איר זען אז עפעס טויג נישט. גאר אסאך אידן זענען נעבעך גאר ווייט פון טוען דעם רצון השם. אפילו ביי די פרומע, איז עס נישט אזוי גרינג. מיר טוען נישט אלעמאל דעם רצון השם. מיר ווילן אבער יא! רְצוֹנֵנוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ - "באשעפער, מיר ווילן טוען סיי וואס עס איז דיין רצון!"

פרעגט אבער די גמרא, נו וואס האלט אונז צוריק? איז דער תירוץ, אז איינס פון די גרעסטע עיכובים, איז **שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת** - דער עצם פאקט אז מיר זענען משועבד צו די אומות העולם. שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת מיינט אסאך זאכן. ס'איז א שם הכולל פאר אלעס וואס מיר מאכן מיט פון אלע פעלקער איבער די וועלט. מיר האבן שוין דערמאנט דעם שעבוד פון ווערן כסדר פארטריבן פון איין פלאץ צום אנדערן, און דאס צעברעכן אונזערע קהלות קדושות. און מ'האט אונז נישט פארטריבן איידלערהייט... אודאי נישט! זיי האבן עס געטוען מיט די קרייץ-ציגלער, פאגראמען און אינקוויזיציעס. זיי האבן עס געטוען מיט געלע שטערנס און קרעמאטאריומס. און טאקע צוליב דעם וועלן זיי טראגן אן אייביגע פאראנטווארטליכקייט פאר אונז צוריקהאלטן פון טוען דעם רצון פון הקדוש ברוך הוא.

## די סכנה פון פרייהייט

ס'איז אבער אויך דא נאך א שעבוד, וואס איז נאך געווען אסאך ערגער פאר כלל ישראל. וויבאלד מיט עטליכע הונדערט יאר צוריק, איז א נייע סכנה אנגעקומען, דאס איז געווען די תקופה

פון טאלעראנץ! נאפאלעאן - און אנדערע אויך - האבן אראפגעבראכן די ווענט וואס די תיפלה האט אויפגעבויט, וואס דאס אראפברעכן די מויערן האט אונז געשעדיגט אזוי פיל ווי דאס אמאליגע צעשמעטערן פון אונזערע קהלות. די אויפקלערונג - השכלה, טאלעראנץ, פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג, איז געווען איינס פון די ערגסטע תקופות אין אונזער היסטאריע.

דא אין אמעריקע זענען מיר פריי, מיר זענען נישט משועבד צו קיינעם. מיר האבן כמעט 100 פראצענטיגע פרייהייט, און מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן דערויף. נאך אלע מעשה'ס איז אמעריקע א גוטע מדינה. מיר זענען געקומען פון די אייראפעאישע מדינות, וואו מ'האט אונז פארפאלגט, און אין אמעריקע האט מען אונז געגעבן אלע גלייכע רעכטן. איך וואלט אפילו געזאגט, אז מדארף קושן די ערד אין אמעריקע, פאר וויפיל זיי האבן אונז געגעבן. איך בין געווען פאר א תקופה אין אייראפע, ווען איך בין געגאנגען לערנען אין די ישיבה אין סלאבאדקע. ווען איך בין אהיימגעקומען, האב איך נאך געזען פיל מער וואספארא געבענטשט לאנד אמעריקע איז. ס'איז א מתנה פון אויבערשטן. זאלן מיר נישט זיין דאנקבאר דערויף?! אודאי יא. מיר צאלן שטייערן, און מיר האלטן די געזעצן. איך זאג אפילו אז מ'זאל ארויסהענגען א פאן יולי 4! איך וועל נישט זאגן אז איר טוט אן עבירה, אויב טוט איר נישט אזוי... ס'איז אבער א גוטע זאך ארויסצוהענגען א פאן. ס'איז נישט קיין שום סתירה צו זיין א פרומער ערליכער איד. מיר הענגען ארויס א פאן פון די דאזיגע שול יולי 4! מיר דארפן זיין געטרייע בירגער צו אמעריקע.

## דער מבול אין אמעריקע

איי וועט איר מיך פרעגן, נו, אויב אזוי וואס איז די פראבלעם?! דער תירוץ איז איין ווארט - פרייהייט! וואס? אלעס איז דאך אזוי גוט, וואס איז דער שעבוד? דער אנטווארט אויף דעם איז, אז דאס אליין איז דער ערגסטער שעבוד! גארנישט איז ערגער, ווי צו זיין פריי נאכצוגיין די וועגן און אידעאלן פון די גוים. **השתא עבדי** - אין א געוויסן זין זענען מיר קנעכט היינט צוטאג; מיר זענען שקלאפן צו אונזער ארומיגע אטמאספערע. מ'קען נישט זיין פריי אויב מ'לעבט צווישן די גוים, ווייל די ערגסטע קנעכטשאפט פון אלע, איז צו זיין פארשקלאפט צו דעם גוי'אישן איינפלוס.

פיל מער מענטשן זענען פארלוירן געגאנגען אינ'ם קרעמאטאריום פון טאלעראנץ, ווי אינ'ם קרעמאטאריום אין אוישוויץ און אלע אנדערע מארד-לאגערן. די רוחניות'דיגע "האלאקאוסט" האט נישט זיינ'ס גלייכן. איך געדענק נאך, ווי אין יאר תר"ץ (1930), האט מען נישט געקענט טרעפן קיין פרום מיידל מיט וועמען חתונה צו האבן. א פרום מיידל איז פשוט געווען אוממעגליך צו טרעפן. א פרומער בחור איז אויך געווען א זעלטנהייט. ס'איז נאר געווען איין ישיבה אין גאנץ אמעריקע. אויסערדעם איז אלעס פארלוירן געגאנגען. אמעריקע האט איינגעשלונגען די אידן... נעבעך, אזא שרעקליכער פארלוסט. דער שעבוד גליות פון זיין פארשקלאפט צו דער גוי'אישער איינפלוס, איז אונזער ערגסטער פיינט. די גאנצע סביבה, די גאנצע אטמאספערע, זוכט צו פארשוועמען אונזערע פרינציפן. מיר ווערן פארפלייצט פון אלע זייטן, מיט אפיקורסות, תאוות, שטותים, און עבודה זרה. וואו מיר קוקן נאר, באגעגענען מיר רשעות. עס פארפלייצט אונזערע הייזער, און עס האט א השפעה אויף די גרויסע מערהייט פון אונז.

פון אלע זייטן, זעען מיר גוים, און גוי'אישע השגות. געלט, קליידונג, ספארטס, פארוויילונג, מאוויס, ליצנות, אפיקורסות, און עוואלושן. אין די ווינטער טעג, ווערן מיר פארפלייצט מיט חגא טאוולען פון אלע זייטן. אודאי איז אלעס נאר ביזנעס... קיינער מיינט עס נישט אמת'דיג! אלעס

איז געלט! מ'קען זיך אבער נאכאלץ נישט העלפן פון ווערן מיטגעריסן. די אלגעמיינע אטמאספערע איז, עבודה זרה, אפיקורסות, און מאטעריאליסטישע געדאנקענגענג פון אלע זייטן.

איר קענט אדורכגיין א ישיבה, און איר זעט עפעס טוט זיך. טייערע בחורים, לעכטיגע בחורים, און מ'פירט זיך אויף ווי גוים. איך וויל נישט זאגן פארוואס און ווי אזוי, אבער דאס זענען טייערע בחורים וואס פירן זיך אויף ווי גוים! זייערע שפילן זענען גוי'אישע שפילן. גוי'אישע ספארטס. ווי אזוי מ'רעדט, וואס מ'רעדט, דאס זענען ווערטער פון עשו! ווען איר גייט צו א בר מצוה, זעט איר אז דאס טאנצן איז גוי'אישע טאנצעריי. אלעס מיט'ן גוי'אישן סטיל. אידן דארפן האבן אנדערע וועגן צו טוען זאכן. אבער דערווייל, טראכטן זיי אין גוי'אישע וועגן, מיט גוי'אישע געדאנקען.

ברוך השם, איך בין צופרידן מיט זיי אזוי ווי זיי זענען. כן ירבו און כן יגדלו. איך האב ליב די טייערע בחורים טויזנט מאל מער ווי די בעסטע גוים! אבער זיי כאפן נישט, אז זיי ווערן גאר שטארק באאיינפלוסט פון די דרויסנדיגע וועלט.

**וַעֲבַדְתֶּם שָׁם אֱלֹהִים מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם** (דברים ד, כח) - און איר וועט דינען דארט אין גלות די געטשקעס. יעצט, איר מוזט נישט פאקטיש אראפקניען צו די עבודה זרה דארט, אבער בלויז זייענדיג צווישן די גוים, איז ווי דינען פרעמדע אפגעטער - איר קענט אייך אפילו נישט העלפן. די אידעאלאגיעס פון עשו ווערן אריינגעקנאקט אין קאפ אריין טאג און נאכט, און איר בייגט זיך אונטער צו זייערע געדאנקען. טייל פון אונז ווייניגער, טייל פון אונז מער, אבער יעדער ווערט נשפע.

## דער אמעריקאנער אידן

דער **רמב"ם** זאגט (הל' דעות פ"ו ה"א), **נוהג כמנהג אנשי מדינתו** - א מענטש וועט זיך אלעמאל אויפפירן ווי די מענטשן פון די מדינה וואו ער וואוינט. ער קען זיך אפילו נישט העלפן! אפילו ווען די צדיקים פון אייראפע זענען געקומען קיין אמעריקע, זאלט איר וויסן, אז פון די מינוט וואס זיי זענען אראפגעקומען פון די שיף, האבן זיי זיך שוין געדארפט שלאגן קעגן די סביבה. פארדעם זאג איך אלעמאל, אז א צדיק, אפילו דער גרעסטער צדיק, ווען ער קומט קיין אמעריקע, איז ער שוין אן אמעריקאנער! ער איז שוין נישט דער זעלבער. **דער סאטמארער רב זכר צדיק לברכה, ווי נאר ער האט אראפגעלייגט איין פוס אין אמעריקע, האט ער זיך שוין געדארפט שלאגן.** די גאנצע סביבה ארום אים, איז געווען די אטמאספערע פון עשו, און יעדער אין אמעריקע האט זיך אנגעפילט די מוחות מיט אמעריקאנער השגות.

איך זאג אייך יעצט דא, אז עס האט א השפעה אויף אלע פון אונז. עס געשעט יעדע מינוט. אויב וואוינט איר אין אמעריקע, דעמאלט זענט איר אן אמעריקאנער... ס'איז אוממעגליך פאר א מענטש אויסצומיידן דעם איינפלוס פון דאס לאנד וואו ער וואוינט. עס גייט אריין אין אייערע אויערן, עס גייט אריין אין אייערע אויגן, און ערגער פון אלעס איז, אז עס גייט אריין אין אייערע מוחות. נארט אייך נישט. עס קומט פאר אין יעדן טייל פון אייער לעבן. דער עצם פאקט, אז איך דארף אייך יעצט געבן מיין שיעור אין די ענגלישע שפראך, איז שוין א צייכן ווי ווייט די אטמאספערע האט א השפעה אויף אונז!

איך געדענק נאך אסאך אידן אין אייראפע, וואס האבן נישט געקענט רעדן די ליטווישע שפראך, זיי האבן נישט געקענט רעדן די פוילישע שפראך. איך האב געקענט אסאך מענטשן וואס האבן

נישט געקענט די שפּראַך פונעם לאַנד. און ס'איז געווען א געוואַלדיגער פּאַנצער, א מויער, צווישן כלל ישראל און עשו. און זיי זענען געווען שטאַלץ דערמיט. ס'איז א פאַקט. איך געדענק נאָך דעם אַלטן דור. זיי זענען געווען גאָר שטאַלץ מיט'ן פאַקט אַז זיי קענען נישט רעדן קיין גוי'איש.

## דער פּרינציפּ פון אידיש

**דער פאַקט אַז איך רעד דאָ אין די ענגלישע שפּראַך, זאָלט איר וויסן איז קעגן מיין ווילן. איך וואָלט קיינמאָל נישט גערעדט ברבים אין די ענגלישע שפּראַך!** איך טוה עס נאָר וויבאַלד דאָס איז א סירישע קהלה - וואָס זיי רעדן נישט קיין אידיש, און איך רעד נישט קיין סיריש - מוז איך רעדן ענגליש. אין מיין שול רעד איך גראַדע אויך ענגליש, אָבער דאָס איז ביזנעס... איך טוה עס פאַר פּרנסה בלית ברירה... פאַר פּרנסה איז אַנדערש. אָבער **אויב רופט מען מיך רעדן ערגעץ, נעם איך נאָר אָן צו רעדן אין אידיש!** דאָס איז ביי מיר א פּרינציפּ! אויך אינדערהיים רעד איך נאָר אידיש צו מיינע קינדער פון ווען זיי זענען געבוירן. זיי ענטפערן מיר גראַדע אין ענגליש, וואָס קען איך טוען? אָבער איך רעד אידיש. דאָס איז מיין פּרינציפּ!

יעצט מ'מוז טאַקע לערנען ענגליש אין די שולעס. איך זאָג נישט אַז ענגליש איז א שלעכטע זאַך זיך צו לערנען. די פּראָבלעם איז אָבער, אַז מ'דאַרף לערנען פאַר די רידזשענטס. ממילא הייסט מען לייענען פאַרשידענע ביכער. דערצו דאַרף מען לערנען עוואָלושן - אפּיקורסות דאַרף מען לערנען אין די ישיבות, און אין די בית יעקב'ס. אודאי וועט דער לערער זאָגן, "מיר גלייבן נישט דערין; אָבער אויב פרעגט מען אַזאַ שאלה אויף די בחינה, דאַרף מען ענטפערן אַזוי און אַזוי". איר דאַרפט שרייבן אַזאַ און אַזאַ אפּיקורסות". און ווען איר קענט שוין לייענען ענגליש, האָט איר די מעגליכקייט צו לייענען אַלע שמוץ פון די אומות העולם. מיר דאַרפן וויסן, אַז שעבוד גליות הוילט אויס אונזער פאָלק.

## משה רבינו'ס לעצטע וואָרענונג

אַצינד קענען מיר אָנהייבן צו פאַרשטיין די ווערטער פון משה רבינו, ווען ער האָט גערעדט צו די אידן, גלייך איידער זיי זענען אַריינגעקומען קיין ארץ ישראל. "איר גייט יעצט אַריין קיין ארץ ישראל, און איר גייט אייך באַזעצן אין אייער אייגן לאַנד. אָבער איך מוז אייך וואָרענען". און ער האָט זיי געזאָגט (דברים כט, טו-טז), **כִּי אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר יָשַׁבְנוּ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם** - איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיר האָבן אַמאָל געוואוינט אין לאַנד מצרים, **וַתִּרְאוּ אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם** - און איר האָט געזען זייערע פאַרמיאוסונגען, און זייערע שלעכטע וועגן. שטעלט זיך די פראַגע, וואָס איז דאָס יעצט א נפקא מינה? מ'האַלט דאָך שוין יעצט 40 יאָר שפּעטער נאָך מצרים? זיי גייען אַריין אין זייער אייגן לאַנד, וועמען גייט עס אָן וואָס זיי האָבן אַמאָל געזען?

איז אָבער דער תירוץ, אַז איינמאָל מ'זעט עפּעס, אפילו אויב עס איז געווען 40 יאָר צוריק, איז עס שוין אין אייער מח. דאָס ווערט אָנגערופן מח אַסימילאַציע. ס'איז נישט נאָר פיזישע אַסימילאַציע, וואָס מ'דאַרף זיך זאָרגן אויף, אַז איר מישט זיך אויס צווישן די גוים, נאָר איר דאַרפט זיך אויך זאָרגן וועגן אייער מח. אייער מח ווערט אַסימילירט. איר קענט האָבן לאַנגע פּיאות ביז צו אייער פּאַסיק... וואָס איז עס אָבער ווערד, אויב עס וואַקסט אַרויס פון א גוי'אישער קאָפּ?! **פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה** - עס קען זיין אין אייך, אין אייער מח וואַקסט א וואָרצל פון סם! אַלעס וואָס איר זעט, אַלעס וואָס איר הערט, קען מאַכן וואַקסן פאַר'סמ'טע פּירות אין אייערע מוחות. די

קערנדלעך ווערן איינגעפלאנצט, אלע סארטן קערנדלעך, און יעצט האט איר א גוי'אישער דזשאנגל וואקסן אין אייער קאפ!

דאס איז א מערקווירדיגע זאך; מיר וואלטן קיינמאל אזוינס נישט געזאגט אליין! ס'איז שוין 40 יאר אדורך פון ווען מ'איז ארויס פון מצרים, און זיי זענען געווען אלע צוזאמען אין מדבר. די מחנה אונטערוועגנס אין מדבר, איז געווען ווי א כולל אונטער משה רבינו'ס פערזענליכע אויפזיכט. ס'איז נישט געווען קיינער אינעם מדבר אויסער די אידן, און יעצט גייען זיי גלייך קיין ארץ ישראל. נו, וואס איז די פראבלעם?!

"ניין!" - זאגט משה רבינו. "ס'איז א גרויסע פראבלעם!" **וַתִּרְאוּ אֶת שִׁקּוּצֵיהֶם** - איינמאל איר האט געזען מיט אייערע אויגן די גוי'אישע קולטור, זייערע באציאונגען און זייערע וועגן, וועט דאס בלייבן אין אייער מח. און דאס בילד איז א סכנה. עס קען גאר זיין א שורש פון סם, וואס וואקסט אין אייער מח, און ווער ווייסט וואסערע סכנה'דיגע פירות וועלן וואקסן דערפון אין די שפעטערע יארן.

## אויב משה זאגט אזוי איז עס אזוי!

מיר קענען אפשר מיינען אז עס איז איבערגעטריבן, צו עקסטרעם. משה רבינו מאכט א גאנצער טראסק פון גארנישט. אבער דאס איז נאר וויבאלד מיר זענען שוין אסימילירט מיט גוי'אישע אידעאלאגיע. עס איז שוין געווארן אזא טייל פון אונזער לעבן, אז מיר מיינען שוין אז עס איז נארמאל. אבער אויב איר הערט גוט אויס משה רבינו'ס ווערטער, וועט איר זען ווי ווייט מ'דארף אכטונג געבן. ס'איז א פחד וויפיל מ'דארף מורא האבן. איינמאל איר האט שוין צוגעזען די גוי'אישע וועגן, וועלן זיי בלייבן אין אייער מח, אפילו איר זענט בכלל נישט געגאנגען אין זייערע וועגן. און אפילו עס זענען שוין אדורך צענדליגע יארן פון ווען מ'האט עס געזען. דער פאקט אז איר האט עס איין מאל געזען, איז שוין גענוג אז עס זאל זיין א סכנה וואס קען דערפון ארויסקומען אין די שפעטערע יארן. און פארדעם האט זיי משה רבינו געווארנט איין מאל און נאכאמאל! **פֶּן יֵשׁ בָּכֶם** - "מעגליך האט איר שוין סם אין אייער קאפ!"

און אזוי זעען מיר, אז אין צוגאב צו די סכנה פון ווערן פארפאלגט פון די גוים, איז דא נאך א גרעסערע סכנה אז אייערע מוחות זאלן נאכגיין דעם צוגאנג און די וועגן פון די גוים. אפילו אויב ס'איז פונדערווייטנס. אויב וואוינט איר אין לאנג איילענד, אין וועסטשעסטער, אדער אין וועסט אראנדזש, דארפט איר זיכער אכטונג געבן; אבער אפילו אין בארא פארק און אין וויליאמסבורג און אין לעיקוואוד, זענט איר אין א גרויסע סכנה.

# חלק ג': עשו ווערט צעשמעטערט

## מיר האבן גארנישט קעגן די גוים

דאס איז גאר א וויכטיגע נקודה וואס איר הערט יעצט. מ'ערוווארט פון אונז, אז מיר זאלן זיך קעגנשטעלן דעם גרויסן איינפלוס פון עשו וואס פילט אן די וועלט, און דער שעיר לעזאזל איז דער איינציגסטער קרבן וואס איז געמאכט אונטערצושטרייכן די נקודה. מ'זאגט אונז אן אזוי: "איר

ווייסט וואס דער מיטל קעגן דעם אלעם איז? נעמט עשו פאר א קרבן, אבער נישט אויפ'ן מזבח! עשו האט נישט קיין שום מקום אינ'ם בית המקדש. אנשטאט דעם, נעמט אים ווייט אוועק - פירט אים אוועק פון ירושלים ווי ווייט נאר מעגליך - ווארפט אים אראפ פון א שטיינערנעם בארג, און ווערט פטור פון אים, אזוי אז ער זאל אייך שוין קיינמאל נישט קענען אנרייצן. און ווען איר וועט אים אראפטראסקענען און ער וועט ווערן צעשמעטערט אויף פיצלעך, דאס איז א כפרה אויף אלע אייערע שלעכטע וועגן.

אויב מיר ווילן פטור ווערן פון אלע אונזערע עבירות, אויב מיר ווילן באקומען א כפרה אויף אלע נישט גוטע זאכן וואס מיר האבן געטוען, איז איינס פון די וויכטיגסטע זאכן וואס מיר דארפן טוען, איז פטור ווערן פון עשו. אודאי מיינט דאס נישט, אז מיר זאלן ארויסגיין איבער די גאסן און פטור ווערן פון גוים. מיר גייען נישט נעמען גוים און זיי אראפוווארפן פון דאך! לאז זיי גיין! דאס זענען נישט אונזערע געשעפטן. שלאגט אייך נישט מיט די גוים! איר דארפט אייך שלאגן מיט דעם גוי וואס איז אין אייך - דער שווערסטער גוי וואס איז דא - און ווער פטור פון אים! איין מאל איר טרעפט אים, און איר כאפט אים אן, וועט איר זען אז ער איז אן איינוואוינער וואס וויל זיך נישט ארויסציען... און דער אמת איז, אז איר האט ליב דעם איינוואוינער! איר וועט זיין איבערראשט וויפיל איר האט ליב דעם גוי טיף אינעווייניג. איר ווילט אים נישט ארויסזען פון זיך.

ס'איז אזוי ווי א לענדלארד וואס געבט אריין א קלאגע קעגן זיין טענענט, און ער רופט דעם מארשאל ארויסצושטעלן דעם טענענט. אבער ווען דער מארשאל קומט אן, און וויל טאקע ארויסשטעלן דעם טענענט, הייבט ער אן צו פארפירן, "ניין, איך קען אים נישט לאזן גיין. איך וויל אים האבן!" מיר ווילן האלטן דעם טענענט אין זיך! דאס איז די אמת'דיגע פראבלעם דא. דער גוי אין אונזערע קעפ - נישט דער גוי אויף די גאס.

מיר האבן גארנישט קעגן די גוים, ווי לאנג זיי זענען מענטשליך. זיי זענען בירגער פונקט ווי אונז. מיר האבן זיי נישט פיינט; פארוואס זאלן מיר זיי פיינט האבן? אודאי, די פארברעכער האבן מיר פיינט! און די ליבעראלן וואס לייגן אמעריקע צעגרונד, האב איך אויך נישט צופיל ליב! אבער קעגן אנשטענדיגע גוים, האבן מיר גארנישט.

גוטע גוים זענען א ברכה פאר די וועלט. איך קען אויסרעכענען עטליכע גוטע גוים. אמאל קומט אן א גוטער גוי, און ער זאגט גוטע זאכן וואס מ'דארף אויסהערן, ער הייסט שטימען א געוויסער וועג, ער געבט עצות פאר זיכערהייט, ער רעדט פון וועגן ווי אזוי זיך צו שלאגן קעגן עוואלושן, אלעס איז גוטע זאכן.

## דער אנשטעקיגער גוי

אבער אפילו גוטע גוים, ווי ווייט מעגליך זאלט איר גארנישט האבן צוטוען מיט זיי, וויבאלד די גוים גייען אין אנדערע וועגן. איך האב אמאל געטראפן א גוי, וועלכער האט זיך שטארק געשלאגן קעגן עוואלושן. ער האט געשריבן ביכער קעגן דעם. ער האט זיך אנגענומען פאר **בראשית**... ער האט אויסגעזען ווי א גרויסער צדיק, און איך האב באמת הנאה געהאט וואס ער האט געטוען. דאן האב איך אבער געזען, אז אין איינס פון זיינע ביכער, מאכט ער א ווערטל אויף יעקב אבינו. איך וועל פארשטייט זיך נישט נאכזאגן דאס ווערטל, אבער ס'איז בכלל נישט געווען פאסיג. דאן האב איך זיך אויסגעלערנט, "אז א גוי איז פארט א גוי!" דא שלאגט ער זיך, זיך אנצונעמען פאר מעשה

בראשית, ער שלאגט זיך אפיציעל פאר די אמונה, און דא מאכט ער חוזק פון יעקב אבינו. ממילא לוינט זיך קיינמאל נישט צו זיין נאנט צו א גוי, עס לוינט זיך בכלל נישט. ער איז ווי איינער וואס האט זיך גאר שטארק פארקילט, און ער נוסט און ער הוסט - איר ווילט נישט כאפן זיינע אנשטעקיגע געדאנקען. אט אזוי ווערט דער גוי אויף די גאס, דער גוי אין דיין קאפ.

אויב דארפט איר טוען געשעפטן מיט א גוי, זאלט איר זיך אויפפירן איידל און שיין. איר זאלט האבן דרך ארץ, און איר זענט מקדש שם שמים. איר ווייסט אז איר פירט זיך אויף מענטשליך, און איר מאכט א גוטן איינדרוק, אבער זייט בכלל נישט אינטערעסירט אין אים. פירט זיך אויף פריינטליך, אבער ווערט נישט זיין פריינט. "העלא", קענט איר אים זאגן. "א גוט מארגן דזשא!" "האב א גוטן טאג פרעד! איר טוט גאר א פיינע ארבעט!" פירט אייך אויף שיין צו אים, באגריסט אים, וואס עס זאל נישט זיין. אבער געבט אכטונג! פארברענגט נישט מער מיט אים, און האט נישט קיין שום פריוואטע פארבינדונג מיט אים. וואס ווייטער אוועק מיר זענען פון די גוים - אפילו פון די גוטע - אלס בעסער וועט אונז זיין.

## א קאליעדיגער סטעיק

די תורה באפעלט אונז אן אלגעמיינער פרינציפ (דברים ז, כו): **וְלֹא תָבִיא תוֹעֵבָה אֶל בֵּיתֶךָ** - ברענגט נישט אריין קיין שום אומווירדיגקייט אין אייער הויז. אודאי איז דער פשוט'ער מיינונג, אז מ'זאל נישט אריינברענגען אן עבודה זרה אין אייער הויז - אפילו ווען איר האלט עס נאר אלס אן אנדענק. וואס מ'לערנט אבער פון דעם איז, אז גארנישט אומווירדיג - גארנישט פון עשו, זאל ארײנקומען אין אייער הויז. און די תורה זאגט פארוואס: **וְהָיִיתָ חֵרֶם כָּמֹהוּ** - איר וועט ווערן פונקט אזוי ווי זיי. וואס איר ברענגט אריין אהיים, טוישט אייער הויז. איר קענט האבן א הערליך הויז, און איר ברענגט אריין עפעס פון עשו, און ס'איז אלעס דערנאך. ס'איז אזוי ווי א גוט שטיקל פלייש, א פעטער סטעיק, וואס איז אבער אריינגעפאלן אין בית הכסא! יעצט איז עס גארנישט ווערד!

דעריבער, וויפיל עס איז נאר מעגליך זאלט איר מאכן זיכער ארויסצוהאלטן דעם גוי פון אייער הויז, און פון אייערע געדאנקען. און דאס פארלאנגט גאר אסאך ארבעט היינטיגע טעג, וויבאלד דער גוי'אישער צוגאנג, דרינגט אריין אין אונזערע לעבנס. די לופט איז טמא, און עס קריכט אריין אונטער די טיר. עס טוט מיר ווי צו זאגן, אז אין טייל הייזער קריכט דער גוי נישט אריין; די טיר איז ברייט אפן, און מיר לאדענען זיי איין רואיגערהייט אריינצושפאצירן.

## נישט קיין טעלעוויזיע

אודאי זאלט איר נישט האבן קיין שום טעלעוויזיע חס ושלום. וְלֹא תָבִיא תִּי-בִי אֶל בֵּיתֶךָ - איר זאלט נישט אריינברענגען די אומווירדיגע טעלעוויזיע אין אייער הויז. לאזט נישט אריין עשו אין אייער הויז, וויבאלד זיין גרויס מויל עפנט זיך, און ער גיסט ארויס אלע זיינע ליצנות אין אייער דיינינג רום. אודאי וואלט איר נישט געוומען דעם אפפאל קאנאל - מיט אלע שמוץ פון יעדנ'ס בית הכסא דערין - און עס לאזן זיך אויסליידיגן אין אייער דייניג רום...

אויב איר האט א דראט וואס פירט אריין עשו אין אייער הויז, קענט איר שוין פארגעסן פון אלעם, וויבאלד **אין לו חלק לעולם הבא**. נישטא קיין שום ספק דערין, אויב **הַקּוֹרֵא בִּסְפָרִים הַחִיצוֹנִים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא** (סנהדרין צ.), און איינער ברענגט דאס אריין אין זיין הויז יעדע נאכט,

ער זיצט און קוקט אויף די נארישע מאוויס, קען ער זיכער פארגעסן פון עולם הבא. ס'איז בכלל נישטא אויף דעם קיין שום פראגע, און איר זאלט פארשפרייטן מיינע ווערטער וועגן דעם. ס'איז נישט מעגליך צו האבן א אידיש הויז מיט א טעלעוויזיע דערין. ס'איז נישטא קיין שום אנדערער מהלך אויף דעם. אדער האט איר א מִקְדָש, אדער האט איר א טעלעוויזיע. עס קען נישט זיין ביידע!

## אויסרייניגן דאס הויז ווען אייער פרוי איז נישט אינדערהיים

און אויב חלילה וואוינט איר נאך מיט עשו אין אייער הויז, זאלט איר נעמען די טעלעוויזיע, און עס אראפווארפן פונעם בארג. איר וואוינט נישט נעבן א בארג? ווארפט עס ארויס פון פענסטער. אויב וואוינט איר אין א קעלער, אדער אויפן ערשטן שטאק, שלעפט עס ארויף צום דאך, און מאכט זיכער אז קיינער גייט נישט אדורך פון אונטן אויף די גאס. אויב איז עס ליידיג, זאלט איר עס אראפווארפן פון דאך, און צוקוקן ווי עס ווערט אברים אברים, עס ווערט צעשמעטערט צו פיצלעך. אדער קענט איר נעמען א האמער און עס צעשמעטערן; צעשמעטערט דעם אינעווייניג, און נוצט דאס קעסטל פאר ספרים. אויב אייער פרוי לאזט נישט, געבט איר אביסל געלט צו גיין "שאפינג", און ווען זי איז אינדרויסן אויסצוגעבן אייער געלט, ווארפט עס ארויס פון פענסטער. ס'איז ווערד אלע געלט אין די וועלט ארויסצואווארפן אזא תועבה פון אייער הויז.

צוזאמען מיט אלע עבירות, וואס מיר שיקן מיט אויפ'ן רוקן פונעם שעיר לעזאזל, און מיר ווארפן עס אריבער דעם בארג, זענען די לייען מאטעריאלן פון די גוים. מאגאזינען, נאוועלס, אפילו קינדער ביכלעך. אין די ביבליאטעק, עס איז נישטא קיין גבול צו שמוציגע ביכער. היינט געבט מען דאס פאר קינדער צו לייענען אין א ביבליאטעק; זייערע ביכער זענען איין שטיק טומאה. אמאל האבן זיי געהאט גוטע ביכער. זיי האבן נישט אריינגעלאזט קיין שום אומווירדיגע ביכער. ס'איז נישט אלעמאל געווען צו קלוג, זיי זענען אבער געווען גוטע ביכער. זיי האבן אויסגעלערנט ווי אזוי צו ארבעטן שווער און פארדינען אויף צו לעבן, און ווי אזוי מ'קען ווערן רייך, און האבן א גוטער כאראקטער. דאס זענען געווען די פארצייטישע ביכער אין א ביבליאטעק. אבער היינט איז ממש געפערליך וואס מ'קען דארט אלץ לייענען, ממש געפערליך.

## אויסרייניגן דעם קאפ

אבער אזוי ווייט ווי מיר דארפן ארויסווארפן עשו ביכער און מאגאזינען פון א אידיש הויז, איז פונקט אזוי וויכטיג ארויסצואווארפן עשו'ס מדות פון אונזערע מוחות. עס איז ערווארטעט פון אונז צו ווארפן איבער'ן בארג אלע אידעאלן פון די אומות העולם. מיר לאכן אויף וואס זיי האלטן פאר וויכטיג. ספארטס איז פאלש. אונטערהאלטונג איז פאלש. ליטעראטור איז פאלש. דער ליטעראטור פון גוים איז שקר וכזב; ס'איז קיינמאל נישט געשען. וואס קען מען שוין זאגן? אמעריקאנער אידן זענען צוגעוואוינט צו פיקציע, נאוועלס, דראמא, שפילן און מאוויס. מענטשן שרייבן מעשה'לעך פון זייער אייגענע פאנטאזיע. אדער ווערן מענטשן געצאלט צו שפילן אין א געוויסער וועג, און איר זיצט דארט, צו לייענען און קוקן בכובד ראש, כאילו ס'איז עפעס וויכטיג.

זאל מיר קיינער נישט זאגן, אז זיי לייענען עס און עס האט נישט אויף זיי קיין שום השפעה. אודאי האט עס א השפעה! עס לאזט איבער א שלעכטער שמעק. איר קענט נישט האבן א שיין הויז וואס שמעקט ווי צואה; עס ארבעט נישט. דאס גאנצע הויז שמעקט דערפון. עס זענען דא

מענטשן, וואס זענען שוין אזוי צוגעוואוינט צו דער שלעכטער שמעק פון עשו - איך געב נישט קיינעם דא קיין היתר, אבער אויב פאר סיי וועלכע סיבה האט איר עפעס פון עשו אין אייער הויז - מאכט זיכער עס צו האלטן אין בית הכסא, וואו דער שמעק וועט אייך נישט שטערן אזוי שטארק. דער בית הכסא איז די גוי'אישע לייבררי. אויב נישט וועט עס מטמא זיין די אטמאספערע פון דאס גאנצע הויז.

## כשר'ע חזיר פלייש

ווי ווייט מעגליך, זאלט איר פרובירן צו איזאלירן די געדאנקען פון עשו פון אייער הויז. אפילו פון זייערע פירונגען זאל מען זיך דערווייטערן, אפילו דאס וואס מ'האט שוין געמאכט כשר, ווי למשל, כשר'ע כינעזישע עסן... וואס מיינט דאס? ס'איז אזוי ווי כשר'ע חזיר פלייש. עס זאל נישט זיין קיין רמז פון עשו אין אייער לעבן. פארגעסט פון טענקסגיווינג. פארגעסט פון סיי וואס עס שמעקט פון גוים אין אייער הויז. פארגעסט פון מאנהעטן. פארגעסט פון די יענקיס. בעיסבאל איז גארנישט. דער פיטשערווארפט א באל, און א מענטש געבט עס א קנאק מיט א שטעקן און יעדער ווערט משוגע... האאאה! מ'שרייט! מ'קלאפט מיט די פיס, און ער לויפט, או יעדער ווערט אונטערגעצונדן. דאס בלוט ווערט אנגעהייצט פון די אויפגעהייטערטע פארוויילונג, וואס מיינט אז איר נעמט אנטייל אין די **הבלי הגוים** - דאס ליידיגקייט פון די גוים. צו ווערן צעווילדעוועט איבער גארנישט, מיינט אז איר ווערט א גארנישט!

און ס'איז דער איינפלוס פון עשו, וואס מאכט אונז צו א באנדע גארנישטס. די גוים הוסן באצילן אלעמאל, ממש סם, און מיר ווערן קראנק רח"ל. סיי וועלכע שלעכטס איר זעט ביי אידן, איז עס נאר ווייל זיי מאכן נאך די גוים. ווער האט ערפינדן בעיסבאל? האבן זיך די ראשי ישיבה צוזאמגעזעצט, ביי אן אסיפה פון תלמידי חכמים זיצנדיג בכובד ראש, און זיי זענען אויפגעקומען מיט אזא נארישע זאך?!

פארוואס קומט פאר אזוי פיל גיטין היינטיגע טעג? אידן גט'ן זיך געוועגליך נישט. ס'איז נישט זייער נאטור. זיי לערנען זיך אבער דאס אויך פון די גוים. נאך אסאך שלעכטע זאכן לערנען מיר זיך פון די גוים. אלע פארוויילונגען שטאמען פון די גוים. ס'איז בכלל נישטא קיין אריגינעלע אידישע פארוויילונג! אודאי איז שוין היינט דא. אבער ס'איז אלעס פון עשו. אלעס איז נאכגעמאכט פון די אומות העולם.

דעריבער, דער גאר וויכטיגער קרבן, כאטש ס'איז נישט קיין קרבן אויפ'ן מזבח, איז עס אבער מכפר מער ווי אלע אנדערע קרבנות. אראפצואווארפן עשו פונעם בארג, און אים צעשמעטערן אויף שטיקער, דאס איז אונזער כפרה. ווערנדיג פטור פונעם איינפלוס פון עשו וואס מער מעגליך, דאס איז דער ריכטיגער דרך צו תשובה. וויבאלד אונזערע פעלערן, אונזערע עבירות, אונזערע שלעכטע מדות, אלעס איז פון די אומות העולם. עשו און די גוים זענען שולדיג פאר אלע אונזערע עבירות און נאכגעלאזטע עבודה צו הקדוש ברוך הוא. וואס דעריבער, **וְנָשָׂא הַשָּׂעִיר עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹתָם אֶל אֶרֶץ גְּזֵרָה** - עשו, דער שעיר טראגט אוועק אונזערע עבירות צו א פארשניטן לאנד, צו א מדבר.

און דעריבער, איז דער דרך התורה זיך צוריקצושלאגן קעגן אויסערליכע איינפלוס ווי ווייט נאר מעגליך. אודאי, די היץ-קעפ האבן דאס ליב צו הערן. זיי ווילן ארויסגיין און מאכן צרות און זיך

שלאגן. אבער מיר זאגן דאס נישט דא. יא, ס'איז דא א מקום פאר דעם אויך, זיך אקעגנצושטעלן קעגן די אומווירדיגקייטן פון די אומות העולם. איך שרייב זיי כסדר בריוו, צו דער מעיאר, צו אנדערע, צו פראטעסטירן ווי אזוי זיי לייגן אמעריקע צעגרונד, מיר רעדן אבער נישט דערפון דא יעצט. דער וויכטיגסטער וועג זיך צו באפרייען פונעם שעבוד גליות פון וואוינען צווישן גוים, איז דורך זיך אפשאקלען פון עשו'ס אידעאלן וואס פילן אן אונזערע מוחות. און דורכדעם קען מען צוריקקומען, צו וואס כנסת ישראל זאגט פאר'ן אויבערשטן, **רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ, שֶׁרְצוֹנֵנוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ** - מיר ווילן טוען דיין רצון.

## טראכטן מיט'ן אויבערשטן

אין מסכת אבות לערנען מיר (אבות ב, ד), **עֲשֵׂה רְצוֹנוֹ כִּרְצוֹנֶךָ** - מאך דעם רצון פון אויבערשטן דיין ווילן. עס זענען טאקע דא פילע פירושים, און אלע זענען אמת. אבער יעצט וועלן מיר לערנען דעם פירוש וואס איז נוגע פאר היינט, ווי אזוי ארויסצונעמען פון אונזער לעבן און פון אונזערע מוחות עשו'ס איינפלוס. "מאך זיין ווילן דיין ווילן" - מיינט אז אין דיין מח, אלעס וואס דער אויבערשטער וויל זאלסטו אויך וועלן. וואס דער באשעפער האלט איז וויכטיג, זאל פאר דיר אויך זיין וויכטיג. וואס הקב"ה קוקט ארויף אויף, זאלסטו אויך ארויפקוקן דערויף. למשל השי"ת האט ליב כלל ישראל, דער אויבערשטער איז אוהב עמו ישראל. ער האט ליב די אידן. עס שטייט אזוי בפירוש, נאכאמאל און נאכאמאל, אז דער באשעפער האט ליב די אידן מער פון אלעס. ממילא זאלט איר זיך איינגעוואוינען, איר זאלט זיך לערנען טראכטן דעם זעלבן וועג פונעם באשעפער. איר זאלט אויך ליב האבן די אידן. ווערט א פאטריאט פאר כלל ישראל. האט ליב כלל ישראל. דעמאלט מאכט איר זיין רצון אייער רצון.

דער אויבערשטער האט ליב ערטער פון תורה. **אֹהֵב ה' שַׁעֲרֵי צִיּוֹן** - השי"ת האט ליב **שערים המצויינים בהלכה**. ווען איר גייט אדורך א ישיבה, וואו מ'זיצט און מ'לערנט, לערנט אייך אויס ליב האבן דעם פלאץ. איר גייט אפילו נישט אריין. איר זענט אויפ'ן וועג צו די ארבעט, אדער איר גייט איינקויפן, זאלט איר ליב האבן דעם פלאץ. אפילו איר האט נישט קיין שום געלט זיי צו געבן, זאלט איר ליב האבן דעם פלאץ. מאכט אייך דעם געפיל, "ס'איז א הערליך פלאץ! גאר א געוואלדיגער פלאץ! איך האב ליב אלע מענטשן דא אינעווייניג וואס זיצן און לערנען די הייליגע תורה. וויבאלד השי"ת האט ליב ישיבות, האב איך אויך ליב!" זאג עס ארויס. זארג דיך נישט. קיינער וועט דיך נישט הערן. זאג, "איך האב ליב די ישיבה. איך האב ליב די וואס לערנען אין די ישיבה".

## בויען דעם בית המקדש אויף אושען עוועניו

יעצט, איינמאל איר טוט שוין דאס, צוביסלעך הייבט איר אן טראכטן ווי אזוי דער אויבערשטער טראכט. ווי עס שטייט (ישעי' נו, ד), השי"ת זאגט, **וּבָחֲרוּ בַּאֲשֶׁר חָפָצְתִּי** - און איר זאלט אויסוועלן וואס איך וויל. און אפילו אויב איר טוט גארנישט דערוועגן, אבער אין אייער מח טראכט איר די זעלבע מחשבות ווי כביכול דער אויבערשטער. איר קענט אראפשפאצירן די גאסן אין פלעטבוש, און איר וועט טראכטן, 'איך וואלט געוואלט אויפבויען ישיבות איבער די גאנצע וועלט. איך דארף נישט האבן קיין געלט, אבער וויבאלד השי"ת וויל דאס, וויל איך עס אויך!'

אדער, "איך וואלט געוואלט נאכאמאל האבן דאס בית המקדש, צו קענען ברענגען קרבנות". מ'דארף ארבעטן דערויף אריינצוברענגען אזעלכע שאיפות אין אייער מח. צום ערשט וועט איר עס

נישט מיינען ערנסט, איר ווילט נישט באמת האבן דאס בית המקדש. איר ווילט אפשר ענדערש גיין עסן אין א רעסטוראנט פון עשו, אדער ווילט איר אויפמאכן א ראדיא און הערן עשו רעדן. איר ווילט אפשר זיצן אין א סטאדיום, מיט טויזנטער אנדערע עשו'ס, צוצוקוקן ווי עשו'ס קנאקן באלס מיט א שטעקן. אדער מעגליך זענט איר מער "סאפיסטיקירט", און איר ווילט גאר גיין זען עשו אין א טעאטער. איר ווילט אסאך זאכן, אבער נישט דאס בית המקדש, נישט צו בויען ישיבות. אבער אויב איר לייגט אריין אביסל מער אנשטרענגונג, אויב הייבט איר אן צו טראכטן צוזאמען אזוי ווי דעם אויבערשטן און איר זאגט ארויס די ווערטער, צוביסלעך וועט איר אנהייבן צוצופאסן אייערע מחשבות, צום אויבערשטנ'ס.

איר שפאצירט אראפ אושען עווענין, און איר זאגט, **יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ**, און איר זאגט עס מיט א חשק. וועט אויסקומען, אז אנשטאט זיך אומקוקן אויף די גוים, אויף זייערע קארס, אויף זייערע רעקלאמעס, און אויף די פענסטערס אין זייערע געשעפטן, וועלכע לאדענען אייך איין אריינצוקומען און ארויסווארפן אייער געלט אויף זאכן, וואס איין טאג וועט איר דאס ממילא דארפן אפשיקן אויפ'ן רוקן פונעם שעיר לעזאזל. אנשטאט די אלע זאכן, וועט איר אנפילן אייער מח מיט תורה'דיגע אידעאלן, מיט די הייליגע געדאנקען פון הקדוש ברוך הוא.

## די שטארקסטע זאך קעגן אסימילאציע

געוויינט צו אייער מח צו טראכטן די מחשבות פון השי"ת כביכול. איר לערנט אויס אייער מח, אז דעם באשעפער'ס רצון זאל זיין אייער רצון. איר הייבט אן ליב צו האבן אלע אידעאלן פון די תורה, וויבאלד דאס האט דער אויבערשטער ליב. איר קענט אייך אויסלערנען דאס צו טוען צוביסלעך. מאכט דאס אייער ציל, אז וואס השי"ת האלט איז ריכטיג, איז אין אייער מח אויך ריכטיג. און וואס השי"ת האט נישט ליב, האט איר אויך נישט ליב. אזוי וועט אויסקומען, אז צוביסלעך וועט איר ווערן אינגאנצן טראנספארמירט.

ווען א מענטש געוואוינט זיך צו טראכטן וואס מער מעגליך לויט די געדאנקען פון השי"ת כביכול, איז דאס די שטארקסטע זאך קעגן מח אסימילאציע. ווייל אויב פילט דאס נישט אן אייער מח, איז אייער מח ליידיג, און די דרויסנדיגע וועלט זעצט זיך דארט אריין, און איר הייבט אן טראכטן וואס די וועלט טראכט. איך זאג אייך קלאר, אז אייער מח קען נישט בלייבן א וואקיום, ס'איז אוממעגליך. עפעס דארף אריינקומען אין א ליידיגער מח. ממילא, אדער וועט אייער מח זיך אנפילן מיט תורה'דיגע אידעאלן, אדער וועט זיך עס אנפילן מיט אלע נארישע ליידיגע אידעאלן פון די וועלט. מיינט נישט אז איר קענט דאס צוריקהאלטן. איר קענט זיך נישט צוריקהאלטן פון טראכטן, און איר וועט טראכטן פון אייער ארומיגע סביבה, פון אלעס וואס איר זעט אדער איר הערט. אלעס פליסט אריין אין א ליידיגער מח. דעריבער, דער איינציגסטער וועג צו באקעמפן די אסימילאציע פון אייער מח, איז דורך אנפילן אייער מח מיט תורה'דיגע אידעאלן. ווייל אויב נישט, ווערט עס באאיינפלוסט פון די דרויסנדיגע וועלט - די אידעאלן פון עשו וועלן אנפילן אייער מח.

## דער לימוד פונעם שעיר לעזאזל

דער לימוד פון דעם שעיר לעזאזל, איז דער לימוד פון וואס אונזער גרעסטער נסיון אין די

וועלט איז - וואס איז לוחם צו זיין קעגן דעם איינפלוס פון די אומות העולם. די פעלקער פון די וועלט זענען נישט געגרינדעט געווארן בטעות. השי"ת האט זיי אריינגעשטעלט אין די וועלט פאר אונזער טובה וועגן. כדי מיר זאלן האבן די מעגליכקייט זיך צוריקצושלאגן, דורך לעבן א לעבן אנגעפילט מיט'ן אויבערשטנ'ס רצון, און נישט ח"ו דער רצון און איינפלוס פון די גאס.

דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט א גענויער פלאן. דער פלאן איז, אז דער וועלט זאל זיין א וועלט פון אויפטוען. מיר לעבן פאר א צוועק. מיר זענען נישט סתם אזוי דא צו מאכן א לעבן, צו פארדינען פרנסה, צו האבן א שיין הויז, צו האבן א גרופע חברים, צו וועלכע מיר וועלן זאגן א העפליכן גוט מארגן. זיי וועלן אונז ליב האבן, און מיר וועלן זיי ליב האבן. דאס לעבן וועט זיין פריינטליך און גוט. איר וועט לעבן א לאנג פרייליך לעבן - אבער אויפטוען גארנישט!

ניין! נישט דאס איז אונזער ציל. הקדוש ברוך הוא האט אונז אריינגעשטעלט אין די וועלט אונז צו פריוון. און איינס פון די וויכטיגסטע נסיונות איז, ווי ווייט אוועק, ווי שטארק אפגעזונדערט, איר קענט זיך האלטן פון די אומות העולם. ווי ווייט וועט איר קענען צוריקשטויסן דעם איינפלוס פון די אטמאספערע פון די גוים ארום אונז. ס'איז גאר א וויכטיגער טייל פון אונזער עקזיסטענץ, צו ווערן געפרואווט און עומד צו זיין בנסיון; זיך צוריקצושלאגן און זיך נישט לאזן ווערן באאיינפלוסט, און דערביי ערפילן אונזער תפקיד אויף וואס מיר זענען באשאפן געווארן. ס'איז נישט גענוג אז איר זענט א פרומער איד מיט א שווארצער הוט און א בארד. ס'איז נישט גענוג אז איר זענט א פרומע בית יעקב מיידל. איר דארפט זיין פרום אינעווייניג אויך! וואס מיינט אז אייער מח דארף זיין א אידישער מח!

## א גאנץ יאר יום כיפור

און דורכדעם וואס מיר ווערן פטור פון עשו דער שעיר, דורך אים אריבערווארפן דעם בארג, און צוקוקן ווי ער ווערט צעשמעטערט אויף שטיקער, סימבאליזירן מיר די וויכטיגקייט פון געגצליך פטור ווערן פון דער גאנצער גוי'אישער איינפלוס. דעריבער איז דאס די שטארקסטע פון אלע כפרות. ס'איז א כפרה וואס האט נישט איר גלייכן אין די תורה. **וְנָשָׂא הַשָּׂעִיר עָלָיו אֶת כָּל עֲוֹנֹתָם** - דאס ציגעלע טראגט אוועק **אלע** זייערע עבירות. וויבאלד עס איז דער איינפלוס פון די אומות העולם, וואס האט דערשטיקט אונזער רצון צו טוען דעם רצון הבורא.

דעריבער, איז א גאנץ יאר - נישט נאר יום כיפור - נעמען מיר דעם שעיר, און מיר טראסקענען עס אראפ פון די בערג, און עס טראגט אוועק אונזערע עבירות. ווען מ'צעשמעטערט דעם איינפלוס פון עשו, ווען איר ווערט פטור פון די השפעה פון עשו, דאס איז די כפרה! דאס איז דער וועג אוועקצונעמען די עבירות. וויבאלד גאר א גרויסער חלק פון אונזערע עבירות זענען אויפ'ן חשבון פון די גוים. די גרויסע מערהייט פון אונזערע עבירות, זענען זייערע עבירות. ס'איז נאר ווען א מענטש נעמט עשו ווייט אוועק פון דער אידישער געגנט, ווייט אוועק פון ירושלים, און טראסקעט אים אראפ פונעם בארג - וואס אזוי ווערט ער פטור פון די השפעות פון עשו, אז ער ווערט גרייט אויפצוטוען דאס גרויסקייט, אויף וואס דער אויבערשטער האט אים באשאפן: **רְצוֹנֵנוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ** - "באשעפער, וואס ווילן מיר אויף די וועלט? מיר ווילן טוען סיי וואס עס איז דיין רצון!"

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

### איז עס מעגליך אויסצולערנען קינדער צו אנערקענען די טובה פון די וועלט?

### תירוץ:

דער תירוץ איז, זיכער יא! טאקע דעמאלט, ווען זיי זענען קינדער **דארף** מען זיי אויסלערנען. איר זאלט אויסלערנען א קינד און אים זאגן, "איז עס נישט הערליך אז די זון שיינט יעצט?" זיי אים מסביר די פילע טובות וואס די וועלט האט פון די זון. די זון שטראלן ווארעמען אן דעם מענטש. ווען איר גייט אויף די זוניגע זייט פון די גאס, גייט איר אויף די זוניגע זייט פון לעבן. ווען די זון שיינט אויף א מענטש, געבט עס אים נויטיגע וויטאמינען. די זון געבט לעכטיגקייט. און ס'איז אלעס בחינם! קיינער וועט דיר נישט שיקן א ביל דערויף. קאן עדיסאן וועט נישט שיקן א ביל פאר די לעכטיגקייט פון טאג. ס'איז אזוי הערליך שיין, די שיין פון די זון.

ס'איז א משל פון הקדוש ברוך הוא. די גמרא זאגט, אז די זון איז א משל פון הקדוש ברוך הוא. פונקט ווי די זון פארפלייצט די וועלט מיט לעכטיגקייט און פרייליכקייט, אזוי טוט הקדוש ברוך הוא. ממילא, אודאי קענט איר אויסלערנען אייערע קינדער הנאה צו האבן פון די זון.

גראדע, דארפן מיר זיך אליין אויך אויסלערנען. לאמיר אליין הנאה האבן פון די זון. ווייזט דאס נישט אויף אונזער גלייכגילטיגקייט? די לענגסטע ברכה ביים דאווענען איז אויף די זון - ברוך אתה ד' יוצר אור - און עס ענדיגט זיך מיט יוצר המאורות. און די מלאכים זענען אזוי אויפגעהייטערט וועגן די זון, אז זיי זאגן קדוש קדוש ברעש גדול, מיט א גרויסער ברען לויבן זיי דעם אויבערשטן - ווידער מיר מענטשן, וואס האבן דאס מערסטע הנאה דערפון, זענען בכלל נישט אינטערעסירט. מיר שלאפן.

ממילא איז דא אסאך ארבעט צו טוען אויף די קינדער און אויף זיך.